NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04569

BUKER T. VASHINGTON

Lazar Fogelman

Permanent preservation of this book was made possible
by Barry & Bonnie Willdorf
in memory of
Abe Offner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרבייטער רינג
קינדער ביבליאָטעק

בוקער ט. וואַשינגטאָן

פון ל. פאָגעלמאַן

ארויסגעגעבן פון
בילדונגס דעפּאַרטמענט
אַרבייטער רינג.

אידישע פאָלקס ביבליאָטעק
Montreal - מאָנטרעאָל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

בוקער ט. וואשינגטאן

אידישע פאלקס ביבליאטעק
2502
ד ק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

1.

נאָך איין שקלאַף געבוירן געוואָרן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1859, און פּאַסירט האָט עס אין אַמעריקע.

שקלאַפעריי איז נאָך דעמאָלט ניט אָפּגעשאַפט געווען: די נעגערס זיינען נאָך ניט געווען פריי.

די ווייסע באַלעבאַטים פלעגן קויפן און פארקויפן די נעגערס, ווי פערד, בהמות, אָקסן און אַנדערע חיות.

די נעגערס פלעגן טאָן די שווערסטע ארבעט. טויזנטער נעגערס פלעגן פון באַגינען ביז ביינאַכט האָרעווען אויף די פעלדער.

שטרענגע אויפזעער פלעגן די גאַנצע צייט אכטונג געבן אויף זיי. פאַר דעם קלענסטן שולד פלעגן די שוואַרצע שקלאַפן באַשטראָפט ווערן מיט׳ן בייטש.

ביי אַ ווייסן באַלעבאָס, אינ׳ם שטאַט ווירדזשיניע, האָט געאַרבעט אין פעלד אַ גרופּע שקלאַפן.

דער אויפזעער איז אַרומגעפאָרן אויף אַ פערד צווישן די רייען אַרבעטער, האָט געקנאַקט מיט זיין בייטש און אכטונג געגעבן זיי זאָלן זיך ניט אָפּקערן פון דער אַרבעט, ניט שמועסן און ניט פאַרלירן קיין צייט.

צו אים איז צוגעגאַנגען אַ נעגער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען אין פעלד, האָט אַראָפּגענומען די שטרויענע הוט מיט די ברייטע ברעגן, און האָט אים אָנגעזאָגט אַ נייס:

— סער, אונזער קעכין האָט געבוירן אַ זון.

— אָלרייט! — האָט אָפּגעענטפערט דער אויפזעער, איז אַוועקגעפאָרן פון פעלד איבער דעם וועג, וואָס פירט צום הויף.

ער איז צוגעפאָרן צו דעם אָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען די הייזלאַך פאַר די נעגערס.

די הייזלאַך האָבן אויסגעזען ווי ביידלאַך, אין וועלכע מ׳האַלט היימישע חיות: נידעריקע, שמוציקע, אָן פענסטער, אָן אַ דיל, מיט אַ טירל, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטריק.

אַזעלכע הייזלאַך פלעגן זייער ווייניק באַשיצן פון קעלט און היץ, פון שנייען און רעגנס.

דער אויפזעער איז צוגעפאָרן צו אַ הייזל, אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אויפגעהויבן דאָס טירל און איז אריין אינוויינינק.

אין אַ ווינקל, אויף דר׳ערד, אויף אַ קופּע שמאַטעס, איז געלעגן אַ נעגערטע און האָט געקרעכצט.

לעבן איר, אויך איינגעוויקלט אין שמאַטעס, איז געלעגן און געשלאָפן אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַ פּאָר שעה צוריק.

ווען די מוטער האָט דערזען דעם אויפזעער, האָט זי געפּרואווט אַ הויב טאָן זיך, אָבער איר קאָפּ איז געפאַלן צוריק אויף די שמאַטעס.

— נו, לאָמיר נאָר זען דעם נפש, וואָס דו האָסט אונז געבוירן, — האָט געזאָגט דער אויפזעער, און ער האָט אַ הייב געטאָן דאָס טירל עס זאָל ווערן ליכטיק אין ביידל. — איז ער־כאָטש אַ שטאַרקער יונג?

די מוטער מיט׳ן אויפזעער האָבן געקוקט אַפּ׳ן קינד, וואָס איז רואיק געשלאָפן לעבן דער מוטער.

— ער איז ניט גאָר שוואַרץ, דיין בחור'ל; כמעט אַ ווייסער, כ'לעבן! — האָט זיך אָפּגערופן דער אויפזועער.

דער מוטער'ס געזיכט האָט געלויכטן פון פרייד און שטאָלץ: יעדע נעגערטע האָט זיך געפילט גליקלאַך, ווען איר קינד איז געווען ענלאַך צו אַ ווייסן...

דער אויפזועער איז אַוועקגעגאַנגען, און די נעגערטע איז פאַרבליבן אַליין מיט'ן קינד אין פינסטערן, שמוציקןביידל.

די מוטער האָט זיך פאַרטראַכט: איר זון זעט אויס ווי אַ ווייסער, אָבער וואָס וועט זיין פון אים? דער זעלבער אָרימער שקלאַף, ווי זי אַליין. ער וועט מוזן, ווי זי אַליין און ווי די אַנדערע נעגערס, שווער האָרעווען אונטער דער ברענענדיקער זון, אין בייזע קעלטן, און קריגן שמיץ פון דעם ווייסן אויפזועער... נישקשה, דעם באַלעבאָס'ם קינד וועט אָפּלעבן אַ בעסער לעבן פון מיין קינד: מען וועט אים לער-נען, מען וועט אים אָפּהיטן פון אַלע צרות און פון שווערער אַרבעט: פאַר אים וועט אַרבעטן מיין זון...

אַזוי האָט געטראַכט די נעגערטע, ליגנדיק לעבן איר קינד, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. אַ פאָר טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע באַקן און זיינען געפאַלן אויפ'ן קעפּל פון דעם שלאָפעדיקן קינד.

2.

דאָס נעגערל קריגט אַ צונעמעניש.

דאָס יונג נעגערל האָט זיך געהאָדעוועט גלייך ווי אַלע אַנדערע נעגערשע קינדער פון יענער צייט.

זיין מוטער פלעגט זיין גאַנצע טעג פאַרנומען מיט איר אַרבעט, און פלעגט זיך גאָרניט אַרומקוקן אויף איר זון.

דעם פאָטער האָט דאָס קינד קיינמאָל ניט געזען: ער האָט אַפילו ניט געוואוסט ריכטיק, ווער זיין פאָטער איז — אַ נעגער, אָדער אַ ווייסער.

שפּעטער, ווען ער איז אַביסל אונטערגעוואַקסן, פלעגט ער אָפטמאָל צושטיין צו דער מאַמען מיט אַ פראַגע: ווער איז געווען מיין פּאַפּאַ?

אָבער די מאַמע פלעגט אים ניט געבן קיין קלאָרן ענט־פער. זי פלעגט אים נאָר זאָגן, אַז זיין פאָטער איז אַ נעגער, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדער באַלעבאָס, ערגעץ ווייט פון דאַנען.

— פאַרוואָס־זשע זאָגט מען, אַז איך בין ענלאַך צו אַ ווייסן? — פלעגט ווייטער פרעגן דאָס אינגל ביי זיין מוטער.

— כ'ווייס וואָס מען רעדט... — פלעגט אָפּענטפערן זיין מוטער, און פלעגט מער וועגן דעם ניט וועלן ריידן...

דאָס אינגל פלעגט אַרומלויפן איבער'ן פעלד אַ באָר־וועסער, אין אַ שמוציק לאַנג העמד פון גראָבע האַרטע לייוונט, וואָס פלעגט שטעכן און רייבן זיין הויט.

אַרום זיך פלעגט ער זען בלויז נעגערס, וואָס אַרבעטן שטענדיק אין פעלד, און עטלאַכע ווייסע, וואָס דרייען זיך אַרום מיט די ליולקעס אין די מײַלער און מיט די הענט אין די קעשענעס. די נעגערס פלעגן אַרבעטן און שווייגן, די ווייסע פלעגן גאָרנישט טאָן, בלויז שרייען און שרייען.

דאָס פלעגט ניט קענען פאַרשטיין דאָס יונג נעגערל.

ער פלעגט אויך זען, ווי די ווייסע קינדער האַלטן אָפּט ביכלאַך און לייענען, און דערציילן איבער דערנאָך די וואונדערלאַכע געשיכטעס, וואָס זיי האָבן אויסגעלייענט פון די ביכלאַך.

— אַך, ווען איך קריג אַזעלכע ביכלאַך און ווען איך לערן זיך אויס לייענען, ווי זיי! — פלעגט טראַכטן דאָס אינגל, און זיינע שוואַרצע אייגלאַך פלעגן זיך אָנצינדן: ער האָט מער פון אַלץ מקנא געווען די ווייסע, פאַרוואָס זיי קענען לייענען און שרייבן.

— מאַמע, קריג מיר אַ ביכל: איך וויל זיך אויסלערנען לייענען, — האָט ער זיך איינמאָל געווענדעט צו זיין מוטער, ווען זי איז געקומען פון דער אַרבעט.

— וואָס, אַ ביכל? וואָס ביסטו, אַ ווייסער, וואָס דו ווילסט לייענען ביכלאַך — האָט זיין מאַמע אים אָפּגעענטפערט. — מיר, נעגערס, טאָרן וועגן אַזעלכע זאַכן ניט קלערן...

— פאַרוואָס? — פרעגט ווייטער דאָס אינגל.

— ווייל מיר זיינען געבאָרן געוואָרן נאָר פאַר אַרבעט, פאַר שווערער אַרבעט, פאַרשטייסט?... — ענטפערט די מוטער.

דאָס אינגל האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין.

— איך וועל אַליין קריגן ביכער, — האָט ער ביי זיך

באַשטימט, און האָט גענומען טראַכטן, ווי אַזוי דאָס צו באַווייזן.

איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, און האָט אַ בעט געטאָן ביים אויפזעערס אינגל, ער זאָל אים געבן אַ ביכל. יענער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרוואונדערונג.

— צו וואָס דאַרפסטו אַ ביכל, ווען דו קענסט ניט לייענען? — האָט ער אים געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— איך וועל זיך אויסלערנען, — האָט געענטפערט דאָס נעגערל.

— אַליין? — פרעגט דאָס ווייסע אינגל.

— יאָ, אַליין, — האָט אים דער שוואַרצער געענטפערט.

דאָס ווייסע אינגל האָט זיך צעלאַכט: אים איז געפעלן געוואָרן דער איינפאַל.

ער האָט געגעבן דעם נעגערל אַ ביכל, און האָט אים דערביי באַוויזן דעם ענגלישן אַלף-בית.

דאָס נעגערל איז געווען אויפ'ן זיבעטן הימל פון פרייד. ער איז אַוועקגעלאָפן אַהיים, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, און האָט אָנגעהויבן זיך לערנען לייענען.

גאַנצע טעג פלעגט ער זיצן איבער'ן ביכל און לייענען, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער שוין געקענט לייענען ניט ערגער, ווי דאָס ווייסע אינגל.

זיין ווייסער חבר האָט אים געגעבן נאָך איין ביכל, דער־נאָך אַ דריטן, און אַזוי פלעגט דאָס נעגערל פאַרברענגען טעג איבער זיינע ביכלאַך.

די נעגערס פלעגן קוקן מיט פאַרוואונדערונג אויף דעם קליינעם לעזערל, און זיי האָבן אים אין שפּאַס אַ נאָמען געגעבן: ב ו ק ע ר (פון דעם ענגלישן וואָרט „בוק" — אַ בוך).

„זע נאָר דיין בוקערל, ער האַלט זיך גאָר ווי אַ ווייסער: ער לייענט ביכער, ער לערנט זיך“... אזוי פלעגן די נעגערס זאָגן צו זיין מאַמען, און יענע פלעגט שמייכלען, און טראַכטן ביי זיך:

„ווער ווייס, אפשר וועט פון אים אויסוואַקסן עפּעס רעכטס“... און זי פלעגט מיט ליבע קוקן אויפ'ן זון.

3.

אוים שקלאַפעריי, עס לעבט די פרייהייט!

איינמאָל איז פאָרגעקומען א פאסירונג, וואָס בוקער האָט ניט געקאָנט פארגעסן זיין גאַנץ לעבן.

און ניט נאָר בוקער אַליין, נאָר אלע נעגערם האָבן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דער אויפזעער פון די שקלאַפן האָט געהייסן אלע נעגערם צונויפקלייבן זיך אין הויף, וואו מען וועט זיי אָנזאָגן א וויכטיקע נייעס.

די נעגערם האָבן געוואָרפן זייער אַרבעט און זיינען אַוועק אין הויף פון זייער באַלעבאָס. בוקער איז דאָרט אויך געווען. ער איז דאַמאָלסט געווען נאָך א קליין אינגל.

און דאָס וואָס ער האָט דאָרט געזען, האָט ער נאָך ניט געקאָנט פארשטיין מיט זיין קינדערשן שכל. ער האָט אָבער געפילט, אַז עס קומט פאָר עפּעס אַן אומגעוויינלאַכע זאַך.

אין הויף זיינען געשטאַנען די נעגערם פארוואונדערטע, אַביסל דערשראָקענע, און האָבן מיט נייגעריגקייט געקוקט צום גאַניק פון הויז.

דאָרט, אויפ׳ן גאַניק, איז געשטאַנען דער באַלעבאָס מיט זיין פרוי און קינדער, מיט דעם אויפזעער, און מיט א פרעמדן מאַן אין אַ אוניפאָרם.

דער מאַן אין אוניפאָרם האָט געהאלטן אין האַנט א פאַפיר.

ס'איז געוואָרן שטיל אין הויף. דער מאַן אין אוניפאָרם האָט עפּעס געלייענט פון פּאַפּיר, אָבער בוקער האָט ניט געקענט פארשטיין די ווערטער. און ניט נאָר ער אליין האָט ניט פארשטאַנען גוט די ווערטער, נאָר אויך פיל פון די דערוואַקסענע נעגערס.

ווען דער מאַן אין אוניפאָרם האָט געענדיקט לייענען האָט ער זיך געווענדט צו די נעגערס מיט פאָלגענדיקע ווערטער:

„דאָס וואָס איך האָב געלייענט פאר אייך, רופט זיך די „דעקלאריישן אָוו עמאַנסיפּיישן", וואָס אונזער באַליבטער פּרעזידענט אייבערעהעם לינקאָלן האָט איצט ארויסגעגעבן. פון איצט און ווייטער ווערט איר פרייע מענטשן, גלייך מיט אַלע אנדערע בירגער פון די פאראייניקטע שטאַטן. איר קענט איצט טאָן וואָס איר ווילט און זיין וואו איר ווילט אליין. קיינער קען אייך ניט שטערן אין אייער ארבעט. איר קענט גיין, וואוהין אייער הארץ געלוסט. איר זייט איצט פרייע בירגער פון דער פרייער אמעריקע, און איר דארפט ארבעטן איצט, ווי מיר אלע, פאר'ן גליק פון אונזער לאַנד."

אזוי האָט פארענדיקט דער מאַן, און איין מינוט איז געווען אַ טויטע שטילקייט. קיינער האָט ניט געוואגט ארויסצוריידן אַ וואָרט. אַלע זיינען געווען איבערראַשט און צעטומלט. ווי פארגליווערטע זיינען געשטאַנען די נעגערס, און זיי האָבען קוים געגלויבט זייערע אויגן און זייערע אויערן. איז דאָס ניט קיין חלום? שוין אזוי לאנג, אַז זיי טרוימען וועגן דעם מאָמענט! זיין פריי מיט אַלע בירגער גלייך! דאָס איז דאָך דער טרוים פון זייער גאַנץ לעבן!

און פול מיט פרייד האָבן די נעגערס באַגריסט איינער דעם צווייטן מיט דער פרייהייט, וואָס זיי האָבן באַקומען.

די עלטערע נעגערס, וואָס זיינען שוין געווען צוגע־וואוינט צו זייער שקלאַפעריי און וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אַליין ניט קענען פאַר זיך מאַכן קיין לעבן, האָבן זיך געשראָקן.

„וואָס וועט איצט זיין מיט אונז? וואו וועלן מיר וואוינען? ווי אַזוי וועלן מיר פאַרדינען מיטלען צום לעבן? וועלן מיר ניט אויסשטאַרבן פון הונגער?" האָבן זיי, פאַר־זאָרגטע, געפרעגט איינער דעם צווייטן. אבער די יונגע זיינען געווען מונטער און פריילאַך: „נישקשה, מיר וועלן אומעטום אונזער ברויט פאַרדינען, מיר וועלן ניט שטאַרבן פון הונגער, און בעסער צו שטאַרבן פון הונגער אלס פרייע מענטשן, איידער זיין זאַט און לעבן אין שקלאַפעריי; זאָרגט ניט, מיר וועלן ניט פאַרפאַלן ווערן"...

אַזוי האָבן איינגע'טענה'ט די יונגע מיט די אַלטע, און די בראַווערע האָבן אויפגעמונטערט די שוואַכערע און געוועקט אין זיי גלויבן און האָפענונגען.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די נעגערס דאַמאָלסט פאַרבראַכט אין זייערעביידלאַך, שמועסנדיק וועגן דער גרויסער ענדע־רונג וואָס איז איצט פאָרגעקומען אין זייער לעבן.

זיי האָבן זיך געפילט ווי געפאַנגענע, וועלכע מען האָט פלוצלינג אַרויסגעלאָזן פריי: זיי פילן זיך גליקלאַך, אָבער זיי ווייסן נאָך ניט, וואוהין צו גיין, וואס צו טאָן און וואָס וועט זיין מיט זיי אין דער צוקונפט.

בוקער'ס מוטער האָט אויך געבויט פּלענער, וואוהין גיין מיט איר אינגל, פאַר וואָס זיך צו נעמען, ווי אַזוי זיך איינצואָרדנען.

די ערשטע זאַך, פֿאַר וואָס די נעגערס האָבן זיך גענו־מען, איז געווען דאָס בייטן די נעמען. אין דער צייט פֿון שקלאַפֿעריי האָבן די נעגערס ניט געהאַט קיין אייגענע זעלבסטשטענדיקע נעמען. זיי פֿלעגן זיך רופֿן אויפֿ'ן נאָמען פֿון באַלעבאָס. צום ביישפּיל, אויב דער באַלעבאָס האָט זיך גערופֿן „סמיט", האָבן זיך זיינע שקלאַפֿן גערופֿן: סמיט'ס דזשאָן, סמיט'ס טאָם, סמיט'ס טשאַרלז און אַזוי ווייטער.

איצט אָבער, ווען זיי זיינען געוואָרן פֿריי, האָבן זיי געוואָלט האָבן פֿאַר זיך אייגענע נעמען, וואָס זאָלן זיי ניט דערמאָנען וועגן זייער פֿריערדיקער שקלאַפֿעריי. קיין סימן זאָל ניט בלייבן פֿון דער טרויעריקער פֿאַרגאַנגענהייט! אויסגעמעקט זאָל זי ווערן פֿון זייער זכרון!

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיט קלייבן נעמען. יעדער נעגער און נעגערטע האָט געזוכט פֿאַר זיך שיינע קלינגענדיקע נעמען, וואָס זאָל זיי מאַכן מער ענלעך צו די ווייסע, וואָס זאָל אַפֿילו דערמאָנען אָן באַרימטע מענטשן.

בוקער האָט געהאַט בלויז זיין צונעמעניש. איצט ביים פֿאַרשרייבן זיך האָט זיין מוטער אויסגעקליבן פֿאַר אים אַ נאָמען, וואָס האָט אין אירע אויערן געקלונגען ווי שיינע מוזיק: ט א ל י י ע פ ע ר א.

דאָס אינגל האָט פֿאַר זיך אַליין אויסגעקליבן אַ היס־טאָרישן נאָמען — ו ו א ש י נ ג ט אָ ן, און אַזוי איז באַשאַפֿן געוואָרן ביים נעגערל אַ דרייענדיקער נאָמען — ב ו ק ע ר ט א ל י י ע פ ע ר א וו א ש י נ ג ט אָ ן.

אַלזאָ, מיט נעמען האָט מען זיך פֿאַרזאָרגט, אָבער. וואָס ווייטער? ...

4.

פון פייער און וואַסער.

בוקער׳ס מוטער האָט זיך געפילט עלנט און אומבאַ־האָלפן. זי האָט דעריבער באַשלאָסן צו הייראַטן. זי האָט געראַד געהאַט אין זינען איינעם אַ נעגער, וועלכער איז איר געפעלן געוועזן, און איצט, ווען זיי זיינען פרייע מענטשן, האָט דאָך זיי קיינער ניט געקענט שטערן חתונה צו האָבן.

אַזוי האָט אינגיכן בוקער אָנשטאָט אַ פאָטער, נאָך וועלכן ער האָט געבענקט, געקראָגן אַ בייזן שטיף־פאָטער. זיי זיינען זעלבאַדריט אַוועקגעפאָרן איבער דער וועלט זוכן אַרבעט. זיי זיינען געוועזן פריי, אָבער די נויט האָט זיך אינגיכן געלאָזט שטאַרק פילן. דער הונגער האָט זיי געטריבן צו טאָן יעדע זאַך, וואָס עס האָט זיך געמאכט אונטער׳ן האַנט. אויסקלייבן האָבן זיי ניט געקענט.

זיי האָבן דערפילט, אַז אויך אין דער נייער פרייהייט, וואָס זיי האָבן געקראָגן איז ניט אַזוי גוט און אָנגענעם צו לעבן. אמת, זיי האָבן שוין איצט ניט אויף זיך דעם פרי־ערדיקן באַלעבאָס, דעם אויפזעער מיט׳ן בייטש, אָבער די נויט טרייבט זיי ארום פון איין אָרט צום צווייטן, און זיי קענען ווייניק געניסן פון דער פרייהייט.

ענדלאָך האָט דער שטיף־פאָטער געקראָגן ארבעט אין וועסט ווירדזשיניע, אין אַ מינע, וואו מען פלעגט גראָבן

זאַלץ. שווער איז געווען די אַרבעט אין די מינעס. ערגער נאָך ווי פריער אין פעלד אונטער דער ברענענדיקער זון.

דאָ, טיף אונטער דער ערד, אין דער פינסטער, אין אַ פאַרשטיקטער לופט, אין אַ שטענדיקער געפאַר, אין שטענ־דיקן שמוץ פלעגן די אַרבעטער פאַרברענגען גאַנצע טעג האָרעווענדיק שווער, ניט אָנזעענדיק די ליכטיקע וועלט.

די הייזלאַך, וואו די אַרבעטער האָבן געוואוינט, ניט ווייט פון די מינעס, זיינען געווען ניט בעסער, ווי יענעביידלאַך, וואו די נעגערס האָבן געוואוינט ביי זייער ווייסן באַלעבאָס.

די זעלבע פינסטערניש, שמוץ, קעלט און אָרימקייט.

אויסגעמאַטערטע, חושכ׳דיקע, בלאַסע פלעגן קומען די אַרבעטער אהיים, און פאַרביטערטע פון זייער שווערער אַרבעט, פלעגן זיי זיך קריגן מיט די פרויען, שלאָגן זייערע קינדער און פאַרשילטן זייער לעבן.

אַנדערע פלעגן פרואוון פאַרגעסן די צרות דורך טרינקען בראָנפן, דורך שפּילן אין קאָרטן, דורך נאַרישע פאַרוויי־לונגען. אָבער קיין סך פרייע צייט פלעגן זיי סיי ווי סיי ניט האָבן, ווייל באַגינען דאַרף מען ווידער גיין צו דער אַרבעט.

בוקער אַליין האָט אויך דערפילט דעם ביטערן טעם פון שווערער אַרבעט. ער איז נאָך געווען אַ קינד, זיינע קרעפטן זיינען נאָך געווען שוואַכע, און ער האָט שוין אויך געמוזט גיין צו דער אַרבעט, אָנלאָדן די גרויסע פעסער מיט זאַלץ, פירן, שלעפּן, טראָגן שווערע משאות מיט זיינע דאַרע קינדערשע הענטלאַך.

וועגן לייענען און לערנען זיך, האָט ער גאַרניט געטאָרט דערמאָנען: זיין שטיף־פאָטער פלעגט ווערן בייז און פלעגט

אָנשרייען אויף אים. אבער דעם געדאנק וועגן לערנען זיך האָט בוקער ניט פארלאָזן.

אויף די גרויסע פעסער פלעגט ער זען ציפער, אָנגעשריבענע מיט קרייד. ער האָט נאָך ניט געוואוסט קיין ציפער. ער פלעגט זיך צוקוקן צו זיי, און ביסלאכווייז האָט ער אָנגעהויבן פארנאנדערצוקלייבן זיך אין זיי. אָט איז א איינס, אָט איז אַ צוויי, און אָט איז אַ דריי, און אזוי ווייטער...

אזוי האָט זיך בוקער אויסגעלערנט ביסלאכווייז צו רעכענען. אָבער ער האָט זיך דערמיט ניט באפרידיקט ער האָט געטרוימט וועגן בילדונג, וועגן אויסלערנען זיך פיל, פיל זאַכן, וועגן וועלכע מען שרייבט אין די ביכער.

צום גליק האָט מען אָנגעפאנגען צו עפענען נייע שולן פאר נעגערס. אין די שולן פלעגט מען זיך לערנען אין די אָוונטן, ווען מען פלעגט זיך באפרייען פון דער ארבעט.

דער יונגער בוקער איז אָנגעקומען אין אזא אָוונט־שול, און האָט זיך מיט חשק גענומען צום לערנען. א מידער פון דער ארבעט פלעגט דאָס אינגל זיצן און צוהערן זיך מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם צו דעם לערער׳ס ווערטער.

ער האָט גוט און גיך פאַרענדיקט די שול; אָבער אים האָט געצויגן צו העכערע בילדונג; אים האָט זיך געוואלט אַלץ מער און מער וויסן; און ניט נאָר צוליב זיך אליין, נאָר אויך צוליב דעם, ער זאָל קענען לערנען די ארימע פארהאָרעוועטע ארבעטער, ער זאָל קענען לייכטער מאַכן זייער שווער אומעטיק לעבן.

אָבער ווי אזוי? ווי אזוי דערגרייכט מען העכערע בילדונג ווען ער ארבעט א גאַנצן טאָג, קיין שום מיטלען האָט ער ניט און קיין העכערע שול איז אויך ניטאָ דאָ ערגעץ נאָענט?

ער האָט געהערט, אז ס׳איז פאַראַן א באַוואוסטער „העמפּטאָן אינסטיטוט״ פאר נעגערם, אַן אוניווערסיטעט, וואוהין מען נעמט צו שווארצע אָן באַזונדערע שוועריקייטן. אָבער ווי אזוי קומט מען אַהין?

ער האָט געפּרואווט א רעד טאָן מיט זיין מאַמען, מיט זיינע פריינט, פיליכט וועלן זיי אים געבן אַביסל געלט אָוועקצופאָרן אַהין אין אינסטיטוט. אָבער זיי האָבן זיך פון אים אויסגעלאַכט: „אַהאַ, וועגן וואָס ער טראַכט גאָר? אוניווערסיטעט, אינסטיטוט, קאָלעדזש, ניט אַנדערש, אז דער „באַי״ איז פון זינען אַראָפּ״...

אזוי האָבן זיך באַצויגן זיינע פריינד צו זיין פּלאַן. און אויך די מוטער האָט געהאלטן זיין פּלאַן פאר א פּוסטן חלום: „וואָס האָסטו זיך אריינגענומען אין קאָפּ? דו ווילסט דאָס טעלערל פון הימל, ניט אנדערש״...

אזוי האָט בוקער פון אַלע זייטן באַגעגנט שטערונגען. גאַנצע טעג און נעכט פלעגט ער טראַכטן וועגן דעם. ער פלעגט אויך טראַכטן וועגן דעם איצטיקן שווערן לעבן פון די באַפרייטע נעגערס: „יע, זיי זיינען איצט פריי פון די פריערדיקע באַלעבאַטים, אָבער זיי האָבן דאָך איצט אויף זיך נייע באַלעבאַטים, וועלכע פייניגן זיי ניט ווייניקער ווי פריער. אַנשטאָט דער שווערער אַרבעט אין פעלד, שטיקן זיי זיך איצט אין די מינעס, טיף אונטער דער ערד. אַנשטאָט דעם פריערדיקן אויפזעער אויפ'ן פערד האָבן זיי איצט נייע צענדליקער אויפזעער אין די מאַשינעס. וואו־זשע איז די גליקלאַכע פרייהייט, וועגן וועלכער זיי האָבן אזוי גע־טרוימט?

זיינען זיי ניט אריינגעפאַלן פון איין שקלאַפעריי אין א צווייטער? פון פייער אין וואַסער? יע, פון פייער אין וואַסער"...

אזוי פלעגט טראַכטן ביינאַכט דער יונגער בוקער, ליגנדיק אויף זיין האַרטן געלעגער אין דעם פאַררויכערטן הייזל.

און ער פלעגט ניט געפינען קיין ענטפער אויף זיינע פראַגן.

5.

ביינאַכט אונטער׳ן „באָרדוואָק״.

בוקער אָבער פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך. ער באַשליסט צו דערגרייכן העמפּטאָן צופוס. ער קלייבט ביי זיינע פריינד נדבות, ביי וועמען א „ניקל״, ביי וועמען א „דיים״, און מיט אַ ביסל קליינגעלט אין קעשענע לאָזט ער זיך אין וועג.

הונדערטער מייל וואַנדערט ער צופוס. ווען ער איז אין אָוונט אריינגעקומען אין א קרעטשמע ערגעץ אויפ׳ן וועג, האָט מען אים דאָרטן פארדעכטיקט ארומגעקוקט און ניט געלאָזט איבערנעכטיקן: זיי האָבן געדענקט, אז דער אָפּגע־ריסענער פארשטויבטער טרעמפּ איז אָדער אַ גנב, אָדער גלאַט אַזוי א פארשוין, פון וועלכער מען דאַרף זיך האַלטן פון וויטן.

בוקער איז אוועק אַן אנטוישטער און פארביטערטער, און האָט איבערגענעכטיקט אין פרייען פעלד, אונטער׳ן טונקעלן הימל, פון וואַנען עס האָבן אים ליבלאַך געוואונקען די ליכטיקע שטערן.

אָט איז ער געקומען אין ריטשמאָנד, צוויי און אַכציק מייל פון העמפּטאָן. א היבשע שטאָט לעבן ברעג ים, וואו עס שטעלן זיך אָפּ שיפן, און וואו דאָס לעבן קאָכט און רוישט ווי אין א קעסל.

עלנד און פרעמד האָט זיך בוקער דערפילט אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט ניט געהאַט קיין פריינט, קיין באַ־קאַנטן און קיין שום פארבינדונגען. ער האָט ארומגעקוקט זיך אליין: זיינע קליידער אלט, אפּגעריסן, שמוציק, די

שיך — צעריסן, און אינגאנצן מאכט ער אן איינדרוק פון א פארדעכטיקן טרעמפ.

ער פרואווט אריינגיין אין איין ביליקן האָטעל, אין א צווייטן, אָבער אומעטום קוקט מען אויף אים מיט פאַר־דאַכט. אגב, האָט ער ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, ווייל דאָס ביסל קליינגעלט וואָס ער האָט געהאט, האָט ער שוין לאנג אויסגעגעבן אויף שפייז.

וואָס זאָל ער טאָן ?... בוקער וואַנדערט אַרום א פאַר־צווייפעלטער אויפ׳ן ברעג ים, זוכט זיך א ווינקל, וואו ער זאָל קענען איבערנעכטיקן ער האלט זיך שוין קוים אויף די פים פון ·מידקייט. ער קען שוין מער ניט ארומגיין.

בוקער איז ארונטערגעגאנגען אונטער׳ן „באָרדוואָק״ (בריק), וואָס איז געווען אויסגעבויט אויפ׳ן ברעג ים, האָט זיך פארקליבן אין א פינסטער ווינקל, האָט זיך אויסגעצויגן

אויפ׳ן ווייכן זאַמד און האָט שטילערהייט געדאַנקט גאָט, וואָס ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט אומזיסטע זאַמד, אויף וועלכע מען קען אויסרוען נאָך א שווערן וועג.

די כוואַליעס האָבן מיט כעס געקלאַפּט אָן ברעג, געדרוישט, געליאַרעמט און עפּעס איינגע׳טענה׳ט מיט בוקער׳ן. אָבער ער האָט שוין ניט געהערט זייער צאָרנדיקע שפּראַך: ער איז געשלאָפן מיט א שטאַרקן יונגען שלאָף נאָך זיין ווייטער רייזע צופוס...

ווען ער איז אויף מאָרגן אויפגעשטאַנען פון שלאָף, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען: וואו נעמט מען געלט צו קויפן עסן?

ער האָט ווידער אָנגעהויבן וואַנדערן איבער׳ן ברעג ים אָן א באַשטימטן פּלאַן. ער האָט דערזען א שיף, וועלכע מען האָט געהאַלטן אין אָנלאָדן.

„אפשר קען מען דאָ קריגן ארבעט און פאַרדינען עטלאכע סענט?” איז דורכגעלאָפן ביי בוקער׳ן א געדאַנק. ער איז צוגעגאַנגען צום אויפזעער, און האָט געבעטן, ער זאָל אים געבן וועלכן ס׳איז ארבעט. דער אויפזעער האָט אים פאַר־געלעגט שלעפּן משאות אויפ׳ן שיף, העלפן אָנלאָדן זי מיט די שווערע זעק, וועלכע זיינען געלעגן אויפ׳ן ברעג. בוקער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג, און האָט זיך געשטעלט צו דער ארבעט.

ער האָט זיך שווער אָנגעהאָרעוועט פאַר׳ן טאָג, אָבער צו שווערער ארבעט איז ער געוואוינט געווען. ווי גרוים איז געווען זיין פרייד, ווען ער האָט איבערגעציילט אין אָוונט די זילבערנע מטבעות, וואָס ער האָט געקראָגן פאר דעם טאָג ארבעט.

אויף מאָרגן איז ער שוין געווען אין שטאָט העמפּטאָן, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט די לעצטע פאָר יאָר.

6.

וויל ווערן אַ סטודענט, און ווערט אַ „דזשעניטאָר".

אין העמפּטאָן איז בוקער גלייך פון וועג געקומען צו דעם באַרימטן נעגערשן אינסטיטוט. ער האָט זיך געווענדעט צו דער אויפזעערין, און געבעטן מען זאָל אים אריינעמען אלס סטודענט אין אינסטיטוט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, אויף זיינע אָפּגעריסענע, שמוציקע קליידער, אויף זיין פאַרדעכטיקן אויסזען, און האָט אפילו קיין חשק ניט געהאַט אים אריינצולאָזן אין דער געביידע.

אָבער זי האָט רחמנות געהאַט אויף אים און האָט ניט געקענט אים גלייך אָפּזאָגן. זי האָט אים פאָרגעלייגט אַלס פּראָבע צו ריייניקן די קלאַסן, און האָט אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט נאָר זיין גוט, וועט זי אים צונעמען אַלס אַ באַדינער, אלס א „דזשעניטאָר" פאַר דער געביידע.

בוקער האָט זיך גענומען אויסראַמען די קלאַסן מיט אַזאַ פלייסיגקייט און מיט אַזאַ היץ, ווי קיין באַדינער אויף דער וועלט האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן דעם ווענדט זיך זיין צוקונפט, אַז איצט איז אַ וויכטי־קער מאָמענט אין זיין ווייטערדיקן לעבן.

און ער האָט טאַקע אויסגענומען מיט זיין ארבעט. די אויפזעערן איז אַנטציקט געוואָרן פון דעם נייעם באַדינער,

און האָט אים ניט נאָר צוגענומען אַלס „דזשעניטאָר״, נאָר אויך איינגעשטימט צו פאררעכענען אים גלייכצייטיק אַלס סטודענט אין דעם אינסטיטוט.

בוקער׳ס טרוים איז דערפילט געוואָרן: ענדלאך קען ער זיך לערנען אין א העכערער שול און קריגן די בילדונג, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבן.

ער איז געווען דער אינגסטער פון די סטודענטן, אָבער אויך איינער פון די בעסטע. ער פלעגט מיט דעם גרעסטן אינטערעס זיך צוהערן צו די לעקציעס און ער פלעגט לייענען אָן א שיעור. די ביבליאָטעק איז געוואָרן זיין באליבט אָרט.

ער האָט אליין אויך אָנגעהויבן שרייבן ביכער, און האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלאכע פעאיקייטן.

מער פון אַלץ האָט ער זיך גענומען צום שטודירן דאָס לעבן פון זיין פאָלק, פון זיין ראסע. ער האָט זיך געשטעלט א ציל צו פארבעסערן דאָס לעבן פון די נעגערס אין אמעריקע, צו לערנען זיי און אוועקשטעלן זיי אויף איין הויך מיט די ווייסע.

ער האָט פארשטאַנען, אז אויסערלאכע פרייהייט אליין איז נאָך ניט גענוג; מען מוז אויך ווערן געבילדעט, מען מוז פארמאָגן אינערלאכע איידעלע פארלאנגען, מען מוז פאר־שטיין ווי די פרייהייט אויסצונוצן, מען מוז פארשטיין טיף דאָס לעבן און אַרבעטן פאַר׳ן פאָלק; ווען ניט, איז די פריי־הייט קיין פרייהייט ניט; ווען ניט, קען מען זי פארלירן נאָך פיל גרינגער, איידער מען קריגט זי.

כדי צו מאַכן זיין פאָלק אמת פריי, דארף מען פאר־שפרייטן צווישן אים בילדונג, דארף מען אים לערנען.

דאָס איז געווען דער הויפּט געדאַנק, צו וועלכן בוקער וואשינגטאָן איז געקומען, ווען ער האָט געשטודירט אין אינסטיטוט. אויסבעסערן זיין ראַסע, פאַרשפּרייטן בילדונג אין פאָלק — דאָס איז געוואָרן זיין הויפּט ציל אין לעבן.

7.

ער ווערט דער פירער און לערער פון זיין פאָלק.

בוקער וואַשינגטאָן האָט פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט בילדונגס-אַרבעט.

אין פאַרלויף פון פיל יאָרן נאָך זיין ענדיקן דער אינסטיטוט, האָט ער אָנגעפירט מיט פאַרשידענע שולן פאַר די שוואַרצע. ער פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט אויספאָרשן דאָס לעבן פון די נעגערס אין אַמעריקע, און פלעגט אויך זוכן אַן ענטפער אויף די פאַרשידענע פראגן, וואָס פלעגן זיך אויפוועקן אין דעם נעגערשן לעבן.

ער האָט געפּרואווט דורך אַלערליי מיטלען צו פאַרבעסרן דעם כאראקטער און דאָס לעבן פון זיין ראסע, אויסראָטן ביי די נעגערס די פאַרדאָרבנקייט, פוילקייט און אנדערע מיאוס׳ע זיטן, וועלכע האָבן זיך אין זיי אנטוויקלט אין דער צייט פון שקלאפעריי.

און ניט נאָר פאַר זיי אליין האָט ער געאַרבעט. ער האָט פיל אויפגעטאָן אויך פאַר די אינדיאַנער, פאַר וועלכע די רעגירונג האָט אויפגעעפנט שולן.

אין די שווערסטע אומשטאַנדן פלעגט אים אויסקומען צו אַרבעטן. די געלט-מיטלען, וואָס די רעגירונג פלעגט געבן פאַר בילדונגס-אַרבעט צווישן די קאָלירטע ראסן, פלעגן זיין

זייער מאַגערע. עס זיינען ניט געווען קיין פּאסיקע געביידעס, קיין נויטיקע זאַכן צום לערנען.

אָפּטמאָל ווען בוקער וואשינגטאָן פלעגט זיצן אין קלאַס און לערנען מיט זיינע שילער, פלעגט איינער מוזן איבער אים האַלטן א שירם, צו באַשיצן אים פון רעגן, וואָס איז פריי דורכגערונען דורכ'ן דאַך.

שווער איז געווען די אַרבעט און דאָס לעבן פון די איבערגעגעבענע טוער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט לערנען די נעגערס און די אינדיאַנער. זיי פלעגט אויסקומען אַריבערצוטראָגן אַ היבש ביסל צרות פון אַלע זייטן. זיי פלעגן אויסשטיין גענוג נויט, שוועריקייטן און ליידן. אָבער זיי האָבן ניט פאַרלאָרן דעם מוט און זיינען אָנגעגאנגען מיט דער אַרבעט.

בוקער וואַשינגטאָן פלעגט האַלטן לעקציעס אין פאַר־שידענע שטעט, אומעטום, וואו מ'האָט נאָר געקענט צונויפ־קלייבן די נעגערס. זיין נאָמען איז געוואָרן באוואוסט איבער'ן לאנד. מען האָט אים געהערט מיט דעם גרעסטן אינטערעס. ער איז געוואָרן זייער באַליבט און אנערקענט צווישן די נעגערס.

איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו האַלטן א רעדע אויף א פאַרזאמלונג פון איבער צוויי טויזנט נעגערס אין דער זעל־בער שטאָט ריטשמאָנד, וואו ער האָט מיט יאָרן צוריק אָן אָפּגעריסענער, א הונגעריקער גענעכטיקט אונטער'ן בריק פאַר זיין אָנקומען אין אינסטיטוט.

איצט האָבן די ריטשמאָנדער איינוואוינער אליין אויפ־גערופן די פאַרזאמלונג צו ערן זייער גאַסט און אויסצודריקן אים זייער ליבע און אָנערקענונג. מען האָט אים איצט ארומ־

געריינגלט מיט כבוד און דאנקבארקייט, וועלכע ער האָט טאַקע כשר פארדינט.

אזוי וואונדערבאר האָט זיך א דריי געטאָן די ראָד פון בוקער׳ס לעבן. פון א שקלאַף, פון אן ארבעטער אין די מינעס, פון א באַדינער אין הויז איז ער געווארן א בארימטער לעקטאָר, לערער און פירער ביי זיין פאָלק!

א דאַנק זיין ווירקונג האָבן רייכע מענטשן און אויך די רעגירונג געגעבן טויזנטער דאָלארס אויף נייע שולן פאר די קאָלירטע ראסן אין אמעריקע. א דאַנק זיין ענערגישער ארבעט זיינען אויסגעוואקסן פיל געבילדעטע נעגערס, וועלכע האָבן אים געהאָלפן ווייטער פארשפרייטן בילדונג אין פאָלק.

בוקער וואשינגטאָן האָט אָנגעשריבן א סך ביכער, פון וועלכע אייניקע זיינען זייער באוואוסט, ווי צום ביישפיל, „פון שקלאפעריי", „זייען און שניידן", די „געשיכטע פון דעם אמעריקאנעם נעגער" און אנדערע.

בוקער וואשינגטאָן איז געשטאָרבן אין יאָר 1915, אויף דעם זעקס און פופציקסטן יאָר פון זיין לעבן.

ער האָט אָפּגעלעבט א שיין נאָבעלן לעבן, פול מיט ניצלאַכער ארבעט פאר׳ן פאָלק.

ניט אומזיסט ווערט זיין נאָמען דערמאָנט מיט ערע און דאנקבארקייט, און ניט אומזיסט איז ער געוואָרן דער שטאָלץ און די צירונג פון דער שווארצער ראסע אין אמעריקע.

אָבער ניט נאָר די נעגערס אליין דערמאָנען אים צו גוטן: ער איז ביי אלעמען פאררעכנט אלס א גרויסער מענטש, וועלכער האָט טריי געדינט דאָס פאָלק זיין גאַנץ לעבן.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
2502
ק. ד
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

פרייז־ליסט פון דער ארב. רינג קינדער־ ביבליאָטעק.

„שרה'קע″, פון א. אפּאטאשו, 32 זייטן — — 15 סענט

צוויי דערציילונגען פון וו. גארשין, 16 זייטן — 10 ″

זשאָרעס' ביאָגראפיע, פון ש. הורוויץ, 16 זייטן, 10 ″

גאריבאלדי'ס ביאָגראפיע. פון ש. הורוויץ, 16 ז., 10 ″

קארל מארקס' ביאָגראפיע, פון י. ב. ביילין, 32 ז., 15 ″

„פּאסן־ליכט″, קינדער פּיעסע, פון אסתר שומיא־
טשער, 48 זייטן — — — — — — — 25 ″

גריכישע חכמים, פון ה. פראנק (געבונדן) — — 15 ″

נסתר'ס מעשה'לאך — — — — — — — 10 ″

פייגלען (אילוסטרירט פון ריבאק) — — — — 15 ″

חיות (אילוסטרירט פון ריבאק) — — — — 15 ″

מרים מרגלית'ס מעשה'לאך (אילוסטרירט), 3 ביכ־
לאך, יעדע צו — — — — — — — — 15 ″

„פאר אונזערע קינדער″, פון ב. סמאָליאר — — 15 ″

אָרדערס פון 25 עקזעמפּלארען פון א ביכל זיינען
מיט א דיסקאונט פון 20 פּראָצענט.

יעדער אָרדער מוז זיין באגלייט מיט א טשעק אָדער מאָני־
אָרדער אָדער מיט סטעמפּס.

Educational Dep't
WORKMEN'S CIRCLE
175 East Broadway, New York, N. Y.